# יודישע אילוסטרירטע צייטונג


**Żydowska gazeta illustrowana.**

Wychodzi każdego piątku.

**Prenumerata wynosi:** Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. = 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs.

Pojedynczy egzemplarz 20 h. — 10 Kop.

**Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.**

**Jüdische Illustrierte Zeitung.**

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראָנען. = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראָנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראָנען, = 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזקא 62. טעלעפאן נר׳ 412.

עסטרר. פאסטשפארקאסען־קאנטא נר׳ 67,341.


## די הינריכטונג פון א אונשולדיגען אין שפאניען.



די הינריכטונג פון א אונשולדיגען אין שפאניען: אים הויף פון געפענגניס „מאָנטויאיטש" אין בארצעלאָנע ווערד דער אונשולדיגער פערער רערשאָסען. „ציעלט גוט! רופט ער צו די זאָלדאטען. „עס לעבע שפאניען".

## די היינטיגע נומער ענטהאלט א פרייז־רעטהזעל מיט 4 פרעמיעס.



דער קריעג אין מאראקא; די קאבילען שיעסען פון הינטער א בארג אויף די שפאניער.

# צו די לעזער.

מיט דעם 1 אקטאבער האט זיך אנגעהויבען דאס 4־טע קווארטאל. מיר בעטען אלע אבאנענטען, וואס זייער אבאנעמענט ענדיגט זיך איצט, זיי זאלען עס תיכף ערנייערן, כדי מיר זאלען נישט מוזען איבערברעכען די צושיקונג פונ'ם בלאט.

•

די פ. ט. אגענטען ווערען אויפגעפאדערט, תיכף צו בעגלייכען זייערע רעכנונגען, ווייל זאנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

•

אונזער הויפטפערטרעטער אין רוסלאנד איז: י. מערעצקי, ווארשא, במיעלנא נו' 40. פיליאלע אין לאדז: פ עיאור נו' 16.

אין רומעניען: יאזעף בארטפעלד, פאסקאני.

אין בעלגיען: ס. קאהאן, אנטווערפען.

אין אמעריקא: ש. הדוקערמאן, ניו־יארק, 50 קאנאל־סטריט.

די אדמיניסטראציע.

# די הינריכטונג פון א אונשולדיגען אין שפאניען.

ווען מיט עטליכע חדשים צוריק איז אין דער נעגענד פון מעלילא אויסגעבראכען דער קריעג צווישען די שפאניער און די מאראקאנער אין די שפאנישע רעגיערונג האט זיך געזעהען געגויטהיגט, דארטהין צו שיקען א גרויסע מיליטערישע מאכט, כדי צו דערהאלטען איהר כבוד, האט די אונצופריעדענע, אויסגעבייטעטע און געקנעכטעטע שפאנישע בעפעלקערונג בענוצט די געלעגענהייט פון דער רעגיערונג און ארויסגערופען א רעוואלוציע.

צוערשט האט זיך געדוכט, אז איצט וועט דאס קלעריקאלע, פינסטערע שפאניען בעקומען דעם לעצטען שטויס און דאס פאלק וועט פון זיך אבוואַרפען דאס יאך פון זיינע אונטערדריקער. אין אלע גרויסע שטעדט האט זיך דאס פאלק אקעגען געשטעלט די בעהערדען. די רעזערוויסטען האבען נישט געוואלט איינרוקען צום מיליטער, די מיליטערציגע האט מען נישט געלאזט אבפאהרען און אויך א טהייל פון מיליטער נופא האט פערלעצט די דיסציפלין און נישט געוואלט געהארכען די בעפעהלע פון די פארגעזעצטע.

אין פיעל שטעדט זענען אויסגעבראכען פע־מליכע רעוואלוציעס. מען האט ערריכטעט באריקאדען אין די גאסען, אויסגעפלינדערט און פערברענט די רייכע קלויסטערם, פערפאלגט די אונטערדריקער און אויסגערופען די פרייהייט אים לאנד.

אבער די גאנצע בעוועגונג איז נישט געלונגען, זי איז צו פלוצים אויסגעפלאצט, אהן געניגענדע הכנות, אהן א געהעריגער ארגאניזאציע, איבערדעם איז עס דעם ענערגישען איינשרייטען פון דער רעגיערונג אין א קורצער צייט געלונגען, מיט דער הילף פון דעם טריי־געבליבענען מיליטער די בעוועגונג צו דערשטיקען אין פייער און בלוט. צעהנדליגנער טויזענדע פון די רעוואלוציאנערע האט מען געווארפען אין די געפענגניסע, טויזענדע שמאכטען אין די לעכער. וואס זענען נאך געבליבען פון די אינקוויזיציאנס־צייטען און הונדערטע האט מען געשאסען און אויפגעהאנגען. די רעאקציע האט געזיגט אויף דער גאנצע ליניע.

יעדער זיעג מאכט איבערמיטהיג. די שפאנישע רעגירונג, זעהענדיג אז ס'איז איהר געלונגען צו צערטרעטען די רעוואלוציאנערע בעוועגונג און צו דערשטיקען יעדען פרייען געדאנקען, האט זי זיך גענומען, אויסצוגראבען די ווארצלען פון דער אונצופריעדענהייט און זיי צו פערניכטען, זי האט זיך נישט בעגנוגט מיט דער הינריכטונג פון די רעוואלוציאנערע, וואס מען האט דערטאפט אויף די באריקאדען און ביי די בלוטיגע קעמפפע, נאר זי האט זיך גענומען זוכען די אנשטיפטער און אורהעבער פון דער גאנצער בעוועגונג.

און אויף דיעזען וועג האט זי געטראפען אויף א געוויסען פערער, וועלכען מען האט ארעסטירט, געשטעלט פאר א קריעגס־געריכט, פערארטהיילט צום טויט און טאקי באלד דאריף דערשאסען.

פערער איז א רייכער שפאנישער בוכהענדלער. פאר צוואנציג יאהר בערך האט ער זיך ערקלערט אלס טהעארעטישער אנארכיסט. זייטדעם אבער איז ער געזעסען רוהיג און זיך נישט געמישט אין פאליטישען לעבען, זיין גרויס פערמעגען האט ער פערווענדעט דאצו, צו גרינדען אין שפאניען פרייע שולען, ביבליאטהעקען, לעזע־צירקלען וכדומה. ער איז געווען א מיטגליעד פון די פריימוירער, האט בעקעמפפט דעם קלעריקאליזמוס. אבער אין דער גאנצער צייט קען מען איהם נישט נאכווייזען קיין שום טעראריסטישען אקט. אים שפאנישען פאלק, דערהויפט ביי די ניעדריגערע קלאסען, איז ער געווען שטארק פאפולער און געאכטעט.

ביי דער איצטיגער רעוואלוציע האט זיך פערער נישט בעטהייליגט. אזוי פערזיכערן די רעוואלוציאנערען זעלבסט. די שפאנישע רעגיערונג וויל אבער וויסען, אז ער האט זיך יא בעטהייליגט, האטשי קיין ממשות׳דיגע בעווייזע דאפאר האט זי נישט. און אזוי האט זיך אין דעם שרעקליכען געפענגניס מאנטזואיטש (אין באַרצעלאנא)



די עראבערונג פון דער לופט: די לופטבאלאן-וואך אן ציריך.



די נייע שוהל אין מעסינגען.

אבגעשפיעלט א בלוטיגע דראמא וואס דערמאנט די שרעקליכע צייטען פון דער אינקוויזיציע: מען האט א אונשולדיגער מענש פערארטהיילט צום טוידט אהן א רעגעלרעכטען משפט, אהן בעווייזע, אהן יערען ווירקליכען גרונד. — די שפאנישע רעגיערונג האט זיך געזעצט אין קאפ, פער'ער'ן צו בעזייטיגען און זי האט איהר עקשנות אויסגעפיה'רט...

ווען מען האט זיך דערוואוסט, אז פערער איז צום טוידט פערארטהיילט, איז נישט בלויז אין שפאניען, נאר אויך אין גאנץ אייראפא ענטשטאנען דער גרעסטער שטורם. פון אלע זייטען זענען געפלויגען טעלעגראמען קיין מאדריד מיט ביטען. פארדערונגען און דראהונגען, דאס בלוטיגע אורטהייל זאל נישט אויסגעפיהרט ווערען. אפילו די פראנצעזישע רעגיערונג האט זיך פאר איהם פערווענדעט, זאגאר דער פאפסט האט געלאוט מודיע זיין, אז עס איז בעסער, נישט אויסצופיהרען דאס אורטהייל. פערער'ס טאכטער, א אקטריסע אין פאריז, האט זיך געווענדעט דירעקט צום שפאנישען קעניג מיט א ביטע, איהר אונשולדיגען פאטער צו בעגנאדיגען.



די פאליטישע לאגע אין עסטערריך: טשעכישער לאנדסמאנן-מיניסטער דר. זאטשעק.

אבער אלעס דאס האט נישט געהאלפען. די שפאנישע רעגיערונג האט איהרס אויסגעפיהרט: דער אונשולדיגע פערער איז דערשאסען געווארען. רוהיג און געפאסט איז ער געגאנגען צום טוידט. רוהיג און גלייכגילטיג האט ער בעגריסט די זאלדאטען, וואס האבען געהאלטען זייערע געלאדענע ביקסען געגען זיין ברוסט; „ציעלט גוט!" האט ער זיי צוגערופען; מיט אפענע אויגען האט ער געקוקט דעם טוידט אין פנים ארייַן — ער איז געפאלען ווי א אמת'ר העלד!

זיין טוידט האט ארויסגערופען די גרעסטע ענט־ריסטונג אין דער גאנצער וועלט. אין אלע גרויסע שטערט ווערען אבגעהאלטען פראטעסט־פערזאמלונגען און דע־מאנסטראציעס געגען דער שפאנישער רעגיערונג. די שפאנישע קאנזולען און אמבאסאדארען אים אויסלאנד ווערען בעשימפפט און בעדראהט; צום צייכען פון פראר־טעסט זענען אין פיעל שטערט אויסגעבראכען שטרייקס. דער שפאנישער קעניג בעקומט יעדען טאג דראהבריעף, אז ער וועט בעצאהלען מיט זיין לעבען פאר פערער'ס טוידט.

וואס אין שפאניען גופא טהוט זיך, איז נישט בעקאנט. די רעגיערונג האט איינגעפיה'רט אזא שטרענגע צענזור, אז מען קען פון דארט נישט בעקומען קיין שום בריעפליכע אדער טעלעגראפישע ידיעות וועגען דיזען פאל. זיכער אבער איז אויך דא־ט די ענטריסטונג און די אויפ־רעגונג גאר געוואלטיג און די שפאנישע מאכטהאבער ציטער'ן פאר זייער לעבען. דער קעניג האט געמוזט זיין געפלאנטען בעזוך ביים פארטוגיזישען קעניג אויסגעבען. אין דער שפאנישען קאמער זענען פארגעקומען געוואלטיגע סצענעס — די רעגיערונג קען זיך נאר קיין עצה נישט געבען, דעם שטורם איינצושטילען.

שפאניען וועט נאך האבען פיעל צו ליידען וועגען דעם שרעקליכען משפט; אזא קליין שוואך לאנד טאר נישט יגנארירען די עפענטליכע מיינונג פון דער גאנצער וועלט און מוז זיך רעכענען מיט'ן יושר און מיט דער מענשליכקייט.

# דער חכם־באשי פון באגדאד.

מיר האבען שוין אין פאריגער נומער בעריכטעט איבער דער פטירה פונ'ם באגדאד'ער חכם־באשי, הרה"ג ר' יוסף חיים ז"ל.



דער פערשטארבענער חכם־באשי פון באגדאד.

דער פערשטארבענער, וואס זיין בילד ב'רענגען מיר אין היינטיגער נומער, איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין די ארצות־המזרח און איינער פון די ענער־גישעסטע רבנים אין די טירקישע לענדער. ער איז ביי אלע דארטיגע יודען געווען שטארק אנגעזעהען און אויך די רעגיערונגס־קרייזען און די מאהאמעדאנישע הויכע גייסטליכע האבען איהם שטא־ק געאכטעט און געשעצט. זיין פטירה איז פא־ דער באגדאד'ער קהלה א גרויסער פערלוסט א אבידה שאין תמורתה! זכר צדיק לברכה.

# זעלבסטמארד פון אמעריקאניש יודישען מיליאנער.

אין וויען האט פאר קורצעם געענדיגט דורך זעלבסטמארד דער אמעריקאנישער מיליאנער און צייטונגס־פערלעגער אלבערט פ ו ל י צ ע ר.

פוליצער, א ברודער פון דעם גרעסטען אמעריקא־נישען צייטונגס־מאגנאטען יאזעף פוליצער, דעם פערלע־גער פון „ניו־יארק העראלד", שטאמט פון מאקא (אונגארן). גלייך זיין ברודער איז ער יונג אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט זיך מיט דער צייט ארויפגע־ארבייטעט אלס צייטונגס־הערויסגעבער און ערווארבען שווערע מיליאנען. עטליכע גרעסטע אמעריקאנישע צייטונגען זענען זיין אייגענטהום און איינגעריכטעט זענען זיי אויף דעם מאדערנסטען אמעריקאנישען שטיינער. פון וועלכען מיר אייראפעער האבען גאר נישט קיין בעגריף. עס איז גענוג צו דערמאנען, אז דיעזע גרויסע בלעטער האבען זייערע אייגענע טעלעגראפען־דראהטען, זייערע אייגענע אייזענבאהנליניעס און אייגענע שיפען און זיי ברענגען די וויכטיגסטע נייעסען פון דער גאנצער וועלט אין דער קירצעסטער צייט נאך די געשעהעניש. דער „ניו־יארק העראלד" למשל, ערשיינט צוגלייך אין ניו־יארק און אין פאריז, דורך א בעזונדערן קאבעל־דראהט ווערען די וויכטיגסטע ידיעות איבערגעשיקט פון פאריז קיין ניו־יארק און פון ניו־יארק קיין פאריז, און ביידע ענטהאל־טען אין גלייכער צייט די וויכטיגע נייעסען פון אלע 5 וועלטטהיילען.



די פאליטישע לאגע אין עסטערייך: אקערבוי־מיניסטער דר. בראף.

די פוליצער'ס האבען דורך זייערע ריהריגע אונטער־נעהמונגען ערווארען גרויסע פערמעגענס. זיי ווערען גע־רופען די אמעריקאנישע צייטונגס־מאגנאטען.

נישט קוקענדיג אבער אויף דיזען גרויסען רייכ־טהום איז אלבערט פוליצער געווען א העכסט אונגליק־ליכער מענש. ער האט געליטען פון א שווערער נערוועזער קראנקהייט, וועלכע האט ביי איהם אוועקגענומען דעם שלאף. דאס האט איהם פערביטערט דאס לעבען און ער האט זיך געמוזט צוריקציעהען פון אלע אונטער־נעהמונגען. א גרויסער טהייל פון זיין ריעזען־פערמעגען איבערניכט ער א געוועלשאפט, וועלכע פערפליכטעט זיך, איהם אויסצוצאהלען א רענטע פון א פיערטעל מיליאן יעהרליך ווי לאנג ער וועט לעבען. אליין פאהרט ער

ארום אין אלע גרויסע שטעדט. פון איין דאקטאר צום אנדערען, זיך קורירען.

די לעצטע צייט האט ער זיך קורירט אין ווינן ביים דאָקטאר פאלאק. ווען דער דאקטאר איז צו איהם געקומען דאס לעצטע מאל, האט ער געטראפען זיין צי־מער פערשלאסען. ער לאזט באלד אויפברעכען די טהיר און טרעפט פוליצער'ן ליענען טוידט אויף דער ערד, האלטענדיג אין דער רעכטער האנד דעם רעוואלווער. ווי די אויספארשונג האט ארויסגעוויזען, האט זיך פוליצער געשטעלט פאר דעם וואנדשפיגעל, און זיך אריינגעיאגט א קויל דורכ'ן קאפ. די קויל איז אריין דורכ'ן רעכטען שלעף, האט דורכגעבויערט דעם מוח און איז דורך דעם אנדערען שלעף.

ווי עס ווייזט אויס האט פוליצער צוערשט איינ־גענומען גיפט, ווייל אויפ'ן טיש איז געשטאנען א לעריג פלעשיל מיט דער אויפשריפט „גיפט". נאר זעהענדיג אז דאס גיפט ווירקט נישט תיכף, האט ער זיך דערשאסען.

פוליצער איז געשטא־בען קינדערלאז. זיין פערמע־גען האט ער פערשריבען דער „וויענער פרייוויליגער רעטונגס־געזעלשאפט".



די היגריכטונג פון א אונשולדיגען אין שפאניען: פערער'ס טאָכטער.

# א יודישער דעפוטאט צו דער רוסישער דומא.

אין רוסלאנד זענען פארינע וואך פאָרגעקומען דריי ערגענצונגס־וואהלען צו דער דומא אין די דריי גרעסטע שטעדט פון רוסישען רייך: פעטערסבורג, מאסקווא און אדעסא.

ווי זייט ס'זאל נישט הערשען אים גאנצען לאנד די רעאקציע, האבען די וואהלען געבראכט א נצחון די פרייהייטליכע פארטייען. און אלע אנשטרענגונגען פון די סאיוזניקעס, דורכצופיהרען זייערע קאנדידאטען, האבען נישט געהאלפען. אדרבה, זיי האבען בעקומען א שמעה־ליכע מפלה.

אין פעטערסבורג און אין מאסקווא זענען געוועהלט געווארען די קאדעטען קוטלער אין שטשעפקין, בעזונדערס איבערראשענד איז דער נצחון פון די קאדעטען אין מאסקווא, וואו די סאיוזניקעס און שווארצע מאה־ניקעס זענען זעהר שטארק.

נאך מעהר איבערראשענד איז דער נצחון אין אדעסא, וואו צום נאכפאלגער פונ'ם געוועזענעם יוד פערגאמענט איז אויסגעקליבען געווארען מיט א גרויסען רוב דער יוד ארקאדי בראדסקי. דער נצחון איז נאך גרעסער, ווייל מען האט פון דער געגנערישער זייט אנגע־ווענדעט אלע מיטלען, איבער־צושרעקען די יודישע וועהלער, אבער זיי האבען זיך נישט געלאזט און זענען גענוג מוטהיג אבצוגעבען זייערע שטימצעטעל פאר'ן יודישען קאנדידאט.

ביז איצט זענען אין דער דריטער דומא געזעסען בלויז צוויי יודען, ניסעלאָוויטש און פריעדמאן. פריעדמאן איז זעלטען ווען ארויסגע־טרעטען, ער איז נישט קיין רעדנער און קיין גרויסער פאליטיקער. אבער אויך ניסע־לאוויטש'ס אנוועזענהייט אין דער דומא האט וואס ווייניג בעמערקט, און זיינע א־ויס־טרעטונגען האָבען נאָר קיין איינדרוק געמאכט. ערשט אין דעם נייעם יודישען דע־פוטאט בראדסקי, וועלען די יודען זעהן א פעהיגען און וואַרמען פערטהיידיגער פון זייערע אינטערעסען.

בראדסקי איז א געבוי־רענער אין יאקאטערינאסלאוו. פון זיין 16־טען יאָהר אן וואהנט ער אין אדעס, וואו ער האט געענדיגט דעם אוני־ווערזיטעט און זיך פערשריע־בען אלס געהילף־אדוואקאט. פיפצעהן יאהר איז ער געבליע־בען אין דער שטעלע, ערשט אין יאהר 1905 איז ער בעשטעטיגט געווארען אלס אדוואקאט.

א דאנק זיין שענעם רעדנער־טאלענט און זיינע קענטניסע האט בראדסקי געוואונען פיעל וויכטיגע פראַ־צעסען און בעקומען אין אדעס א גרויסע רעפוטאציע אלס איינער פון די טאלענטפולסטע און עהרליכסטע אדוואקאטען.

בראדסקי איז אויך בעקאנט אלס פאליטישער כלל־טהוער. דורך פיעל יאהרען איז ער געוועזען מיטגליעד פון דער חברה „מפיצי השכלה" און אנדערע געזעלשאפטען.

בראדסקי'ס נצחון האט ביי די שווא־צע מאה'ניקעס ארויסגערופען א שטא־קע קאנסטע־נאציע. צוערשט האבען זיי געפרופט, מבטל צו מאכען די וואהל, ווייל אויף די שטימצעטעל האט מען געשריבען זיין נאמען „א־קאדיי", און באמת הייסט ער „אהרן". בראדסקי האט אבער תיכף בעוויזען, אז אויף אלע זיינע דאקומענטען איז ער פער־שריבען „א־קאדיי" און די לעצטע שפעקולאציע געגען איהם איז בטל געווארען.



א אינטערעסאנטע אודיענץ: פרוי טראפש ביים קאיזער.

# א שרעקליך פאמיליענדראמא.

אין וויען איז פארינע וואך פארגעקומען א שרעק־ליך פאמיליענדראמא.

דער בוכבינדער יאהאן גרעפנער האט אויס קרענ־קונג וועגען שלעכטע געשעפטע און וועגען דעם טוידט פון זיין פרוי, זיין עלטסטען זוהן געטעדטעט, צוויי אנדערע



א שרעקליך פאמיליענ־דראמא: יאהאן גרעפנער און זיינע קינדער.

קינדער שווער פערלעצט און דערנאך זיך זעלבסט גע־שאסען.

די שרעקליכע טהאט איז געשעהען פארינען דא־נערסטאג פארמיטאג. גרעפנער איז פלוצים א היים־געקומען פון דער ארבייט און האט זיין פעדיענע־ין א וועקגעשיקט מיט א בריעף צו זיינ'ס א קאלעגע. ווען די דיענערין איז א האלבע שעה שפעטער צוריקגעקומען, טרעפט זי די טהיר פון דער וואהנונג פערשלאסען, זי אלאמירט. מען ברעכט אויף די טהיר און טרעפט גרעפנער ליעגען אויף דער ערד מיט א דורכגעשאסענער שלעפע. נעבען איהם ליעגט זיין עלטסטער זוהן האנס. עבענפאלס דע־שאסען. ביידע זענען שוין טויט. אין בעט ליעגען די צוויי יונגערע קינדער, דורך שוס־וואונדען שווער פערלעצט.

אויפ'ן טיש זענען געלעגען עטליכע אבשיעדס־בריעף, אין וועלכע גרעפנער איז מודיע די גרינדע פון זיין פורכטבארען שריט. ער בעט, מען זאל רחמנות האבען אויף זיינע זעכס ארימע געשוויסטער און זיי פערזארגען.

גרעפנער איז געוועזען זעהר א סאלידער ארבייטער. זייט א צייט איז ער געוועזען שטארק מעלאנכאליש און האט געאייסערט זעלבסטמארד־געדאנקען.

אויך די צוויי קינדער זענען דעם אנדערען טאג געשטארבען.

# דאס קבר פון מרדכי ואסתר אין שושן.

פיעל פון די מאדערנע היסטא־ישע פארשער פרו־פען אבצולייקענען די אמת'קייט פון דער גאנצער מעשה וואס ווערד דערצעהלט אין מגלת־אסתר און זיי בענדינ־דען זייערע טענות דאמיט, וואס אין דער אלגעמיינער וועלטגעשיכטע איז נישט פארהאנען קיין שום זכר צו א זעלכען עריאייננים.

עס איז נישט דא דער ארט, דאריבער צו פאלע־מיזירען, מיר ווען בדויכען נישט קיין ראיות פון נישט־יודישע היסטאריקער פאר אונזער געשיכטע, פאר אונז זענען אונזערע אייגענע היסטאריקער גענוג בעגלייבט. אבער ווען דייטשע געלעהרטע ווי דעליטש און זיינע חברים פרובען אבצולייקענען פיעל וויכטיגע זאכען פון אונזער געשיכטע געשטיצט אויף אלטע דענקמעלער און שטיינער, וועלכע זענען אין לעצטער צייט אויסגעגראבען געווארען אין בבל, אשור און פערזיען, אזוי מעגען מיר זיך איצט אויך שטיצען אויף א זעלבע אויסגראבונגען, כדי צו בעווייזען דעם אמת פון אונזערע כתבי־הקודש.

אין דער אלטער פערזישער שטאדט סוסא (דאס ביבלישע „שושן הבירה") געפינט זיך אגיא'לט אבער גוט ערהאלטען גראב־דענקמאל, וועלכעס ווערד פון דעם פאלק בעצייכנעט אלס דאס קבר פון מרדכי ואסתר. דער דייט־שער אריענטרייזענדע הערמאן בוכאיד, וועלכער נעמט פאר היסטארישע פארשונגען און אויסגראבונגען אין יע־נער געגענד, האט זיך מיט דער זאך אינטערעסירט און לויט זיין איבערצייגונג איז די פאלקס־זאגע ריכטיג, ווייל זי געפונט זיך שוין אין די עלטסטע פערזישע קראניקען. ער האט אויך געלאזט אבפאטאגראפירען דאס דענקמאל, פון וועלכען מיר ברענגען א בילד אין אונזער היינטיגער נומער.



דאס גרעסטע קריעגס־שיף אויף דער וועלט: דאס ענגלישע פאנצערשיף „נעפטון".

# אייזען־ערצייגונג דורך עלעק־טריציטעט.

זייט די וועלט שטעהט פלאגען זיך אב גרויסע קעפ (און אויך פערשיעדענע שווינדלער) צו געפונען א ספאסאב, ווי אזוי צו ערצייגען גאלד אויף מעכאנישען וועג. אין דער לעצטער צייט זענען אויך פארגעקומען בעשטרעבונגען (עהרליכע און שווינדלערישע), וואס ווילען ערצייגען קינסטליכע דיאמאנטען און ברילאנטען.

אבער ווערער די אלטע אלכימיסטען, נאך די מאדערנע כעמיקער האבען עררייכט זייער ציעל. מאנכע האבען אבגעפיהרט זייער לעבען מיט נאר־נישט. אנדערע ווידער זענען דורך זייערע שווינדלייען פערפוילט גע־ווארען אין קרימינאל.

דאגעגען איז עס איצט געלונגען דעם שוועדישען אינזשיניער אקסעל לינדבלאד, צוזאמען מיט די אינזשיניערע גרענוואל און שטאלהויע, צו גע־פונען א מיטעל, ווי אזוי צו ערצייגען רויה־אייזען אין גרויסע מאסען מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט.

די ערפינדער האבען שוין ארויסגענומען א פאטענט אויף זייער ערפינדונג און אויב דיעזעלבע וועט זיך בעווייזען גינסטיג, וועט דאס ארויסרופען די גרעסטע אומ־וועלצונג אין דער וועלט־אינדוסטריע. דאס רויה־אייזען וועט פערבילינט ווערען און אויסערדעם וועט מען נישט מעהר זיין אבהענגיג צו בעציעהען דאס אייזען פון גע־וויסע געגענדען, דארט וואו ער געפונען זיך אייזען־גרובען.

חוץ־לזה וועט דאס ארויסרופען א גרויסע פער־ענדערונג אויף דעם קויהלען־מארקט, ווייל, ווי בעוואוסט, ווערד איצט זעהר א גרויס קוואנטום פון קויהלען פער־ברויכט ביי דער הערשטעלונג פון רויה־אייזען.

איצט וועט זיך דיעזער פערברויך פערקלענערן און קויהלען וועלען איבערדעם ביליגער ווערען.

די ערפינדונג פון דעם שוועדישען אינזשיניער האט איבערדעם די גרעסטע בעדייטונג און קען מיט דער גרעסטען צופריעדענהייט בעגריסט ווערען.



דאס קבר פון מרדכי ואסתר אין שושן.



א העברעאישער אבענד אין טשארטקאוו: די פארשטעלער פון דעם שטיק „דור"

מאראקא, אלזשיר, טריפאלים און יעדעס מאל האט ער א היים געברענגט וויכטיגע כתבים און ספרים.

אים יאהר 1896 בעזוכט אדלער פערזיען, וואו ער האט ערוואָרבען זעהר וויכטיגע גאנץ נישט־בעקאנטע העברעאיש־פערזישע האנדשריפטען. א יאהר שפעטער רייזט ער קיין צענט־אלאזיען, בוכארא, סאמארקאנד. נאך פיעלע שוויעריגקייטען — די רוסישע רעגיערונג האט איהם נעמליך צוערשט נישט געוואלט ארייגלאזען און ערשט אויף פערווענדונג פון דער ענגלישער רעגיערונג האט ער געקענט בעטרעטען דאס לאנד — ענטדעקט אדלער אין בוכארא 37 וויכטיגע מאנוסקריפטע.

אין די שפעטערע יאהרען בערייזט אדלער אמעריקא, אינדיען און די נעבענלענדער, פון איבעראל ברענגענדיג די וויכטיגסטע רעזולטאטע.

אין דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור וועט אדלער'ס נאמען בעקומען א וויכטיג בלאט. איהם איז מעהר צו פערדאנקען, ווי מאנכען געלעהרטען. ער האט נישט מורא געהאט פאר די גרעסטע געפאהר'ען, האט זיך אויסגעזעצט די גרעסטע שטראפאצען, כדי צו ערְרייכען זיין ציעל און רעטען פיעלע וויכטיגע כתבי־יד פון דעם פער־לוירען־געהען.



וועלכסטמאר פון א יודישען מיליאנער: אראלף פוליצער.

# די רייכסטע פרוי אויף דער וועלט.

פארינגע וואך האט מען אין ניו־יארק געעפענט די צוואה פון דעם פערשטארבענען אמעריקאנישען אייזענבאהן־קעניג האררימאן.

עס האט זיך ארויסגעוויזען או זיין פערמעגען איז פיעל גרעסער, ווי מען האט עס אנגעשאצט.

יעדען פון זיינע קינדער האט הערימאן פער־שריעבען צו 30 מיליאן דאלאר. צווישען אנדערע קרובים האט ער צוטהיילט 15 מיליאן דאלאר. דער ירושה־סטעמפעל, וואס די רעגיערונג בעקומט, בעטרעפט 15 מיליאן דאלאר.

נאך דעם אלמען פערבלייבט דעם הויפט־יורש, דער פרוי האררימאן, נאך א זיכער פערמעגען פון 325 מיליאן דאלאר. דאס איז בערך 600 מיליאן רובעל אדער איבער 15 מיליאן קראנען. פרוי האררימאן איז איצט די רייכסטע פרוי אויף דער וועלט.

די געשעפטען פון איהר מאן וועט זי זיכער נישט פיהרען, דאצו געהערט דאס גרעסטע טאלענט און די גרעסטע שפעציאליטעט. די אייזענבאהנען וועלען געפיהרט ווערען דורך קאמפאניעס פון די אנדערע אמעריקאנישע מיליאנערע, וועלכע וועלען אויף דעם אופן ווערען די אמת'ע יורשים פון האררימאן, ווייל זייערע הכנסות זענען באמת אונגעהייער.

# א העברעאישער אבענד אין טשארטקוב.

אין טשארטקוב איז ואנטאג, ב' דחוה"מ סכות 3 אקטאבער, צום ערשטען מאל פעראנשטאלטעט געווארען א ריין העברעאישער אבענד. עס איז אויפגעפיהרט געווארען אים געמיינדע טעאטערזאל דאס ביבלישע שוישפיעל „דור" פון דר. י. מ. זאלקינד, פערבונדען מיט רעקלאמאציאן, קאנצערט, הירטען־געזאנג און טאנץ.

די שוישפיעלער זענען געווען די שילער און שילערינס פון דער היעזיגער העברעאישער שול. (זעה אבבילד). דער זאל איז געווען איבערפילט און אלע צוהערער זענען זעהר בעגייסטערט א היים געגאנגען. זעלטען איז נאך א קינדערשטיק אזוי גוט אויפגעפיהרט געווארען. און זעלטען האט א שטיק נאך אזא ווירקונג אויפ'ן פובליקום געמאכט. און דאס גאנצע איינשטודירען פון דער אויפפיהרונג, מיט דער זעלטענער דעקאראציאן פון דער ביהנע, האבען מיר הויפטזעכליך הערן יעקב שטיינער (דער מיטלערער פון די 3 רייהע לינקס) צו פערדאנקען. פונ'ם ריינערטראג וויל הערר שטיינער א העברעאישע קינדער־ביבליאטעק גרינדען.

ערקלערונג דער בילדער:

אונטערע רייהע: די הירטען פון בית לחם, מיט פייל און בויגען.

מיטעלע רייהע: רעכטס: 3 געפאנגענע אין קייטען, סאלדאט, הירטע, גבריהו, שאול המלך, 3 פעלדהערן מיט פיקען, דער העברעאישע לעהרער ל. ל. אפפעלבוים, י. שטיינער, א־אנזשיערע פונ'ם אבענד, ב. רויזענצווייג.

אבערע רייהע: רעכטס: סאלדאט, 2 הירטינען, דוד מיט גלית'ס קאפף, 2 הירטינען, סאלדאט, גלית.

אפערסטע רייהע: כאראקטער־יורער מ. רייך.

דאס בילד איז שפעציעל פיר די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" אויפגענאמען פון אינזער בעליעבטען פאטאגראף אין קינסטלער הערר פלעשנער.

# אנייע שוהל אין מעמינגען.

אם 8 סעפטעמבער איז אין דעם דייטשען שטעדטעל מעמינגען איינגעווייהט געווארען א נייע שוהל.

די קהלה, איינע פון די זידליכסטע אין דייטשלאנד, איז אויך איינע פון די קליינסטע, זי צעהלט קוים 50 יודישע פאמיליעס און האט ביז איצט נישט בעזיצט קיין איינענע שוהל, נאר געדאווענט אין א געדונגענעם לאקאל, וועלכעס איז נאר נישט־פאסענד געווען פאר א מקום־קדוש.

איבערדעם אויך איז די איינווייהונג פון דער נייער שוהל געווען א גרויסער יום־טוב פאר אלע מיטגליעדער פון דער קהלה און אויך די איבעריגע בעפעלקערונג פון שטאדט האט זיך אין איהר מיט גרוים אינטערעס בעטהיילינט. די שטאדטגעמיינדע האט געשענקט פאר דער נייער שוהל א פראכטפולען קאסטבאר'ען הענגע־לייכטער און צו דער איינווייהונג איז געקומען דער בירגערמייסטער מיט דעם גאנצען שטאדט פארשטאנד, ווי אויך די קאטוילישע און פראטעסטאנטישע גייסטליכע.

דער פרינץ־רעגענט פון באיערן האט צו דער פייער געשיקט א גראטולאציאנס־טעלעגראם.

די נייע שוהל איז צוואר איינפאך, אבער זעהר אריגינעל און שעהן געבויט.



אינטריגעס אין אבעסיניען: פרינץ טעסכסא פון אבעסיניען דאס אייניקעל פונ'ם נעגוס מיט זיין זוערטערין.



דער רעגנער־לופטבאלאן אין וויען: דער באלאן שוועבט ארום דער אויסשטעלונגס־רעטונדע.

# דאס גרעסטע קריעגסשיף אויף דער וועלט.

די ענגלישע רעגיערונג וויל מיט אלע כחות דער־האלטען איהר קריעגעריש איבערגעוויכט אויפ׳ן ים. זעהענ־דיג, אז אויך די אנדערע לענדער שטעהען נישט שטיל, נאר פערשטארקען אויך זייער פלאטע, ווילען די ענגלענ־דער וועניגסטענס איבעריאגען אלע אנדערע מיט דעם, וואס זי בויען די גרעסטע קריעגסשיפען, ווייל די ער־פאהרונג פונ׳ם לעצטען רוסיש־יאפאנישען קריעג האט בעוויזען, אז עטליכע גרויסע שיפען שפיעלען א גרעסערע ראלע ווי גאנצע מענגע קליינערע.

דעם אנהויב האבען די ענגלענדער געמאכט מיט זייער שיף „דרידנוימה״ (דאס הייסט: „פירכטע נישט!״) זעהענדיג אבער אז די אנדערע טהוען זיי נאך און בויען אויך א זעלבע גרויסע ים קאלאסען, זענען זיי נאך גע־גאנגען א שריט ווייטער און בויען נאך גרעסערע שיפען.

דאס ערשטע שיף פ׳ן דיעזען טיפ איז דאס שלאכטשיף „נעפטון״, וועלכעס איז פארינע וואך צום ערשטען מאל א־אבגעלאזט געווארען אין וואסער אריין. דאס שיף האט א וואסערפערדרענגונג פ׳ן איבער 20,000 טאנען און א געשווינדיגקייט פון 21 קנאטען (ענגלישע מייל) פער שטונדע. עס איז דאס גרעסטע קריעגסשיף אויף דער וועלט.

ביז איצט קאסט שוין די ענגלישע קריעגספלאטע 8000 מיליאן. אפשר וועלען זיך די ענגלענדער דאמיט בעגנינען און נישט מעהר ארויפרופען דיעזען געפעהרליכען וועט־בעווערב, וואס פערשלינגט דעם מא־ך פון די פעלקער!

---

# דער קריעג אין מאראקא.

די אילומינאציעס אין מאדריד. די פאראדעס און בעגייסטערונג פון די שפאנער וועגען זייער גלענצענדען זיגע איבער די קאבילען, זענען געווען צו פ״ית־צייטיג. לויט בעגלייבינטע ידיעות פון מאראקא איז די מאכט פון די קאבילען נאך נישט געבראכען און זיי זאמלען פרישע כחות, כדי די שפאניער פון נייעם איבערצופאלען. די שפאניער האבען דארט צוואר אנגעזאמעלט א גרויסע מיליטערישע מאכט, אבער ווייטער איבער דעם גורו־בערג האבען זיי מורא, זיך ארויסצוואגען.

דער קריעג ארום מעלילא וועט נאך געדויערן גאנץ לאנג און וועט נאך קאסטען די שפאניער ממון און דמים.

די שפאניער האבען איצט איינגעפיהרט אים קאמפף געגען די קאבילען א נייע קאמפף־מעט־האדע. אזוי ווי די קאבילען געפונען זיך שטענדיג גאנץ ווייט פון דעם שפאנישען לאגער און די האנדגראנאטען קענען זיי נישט ערגרייכען, האט מען איינגעפיה־ט די אלט־מארישע ארט. די גראנאטען צו שליידערן מיט שליידערימענס רעמילט פליעהען זיי גאנץ ווייט און זייער קראפט איז אויך פיעל שטארקער ווי ביים ווארפען מיט דער האנד.

אין מאראקא זעלבסט הערשט וועגען דעם פארדרינגען פון די שפאניער די גרעסטע ערביטערונג און אויפרעגונג. דאס פאלק קעהרט זיך האם געגען אלע איי־ראפעער. די פרעמדע קאנזולען האבען זיך געווענדעט צום סולטאן און געפאדערט, ער זאל זעהען צו שיצען די אייראפעאישע בירגער, ווייל ואנסט וועלען זיי איהם פער־אנטווארטליך מאכען פאר אלע פאלגען.

---



דער רעגנער־לופטבאלאן אין וויען: דער ערבויער אלעקסאנדער רעגנער.

# דער רעגנער־לופט־באלאן אין וויען.

די וויענער בעפעלקערונג, וועלכע האט זיך נישט געקענט דערווארטען צו זעהען צעפעלין׳ס לענקבארע לופטבאלאן׳ס שוועבען אין דער לופט — האט דערלעבט א גרעסערע שמחה: לעצטען שבת און זאנטאג איז דער ערשטער עסטרייכישער לענקבארער לופטבאלאן אויפגעשטיגען אין וויען אין געגענווארט פון קאיזער, עטליכע מיטגליעדער פון דער קאיזערליכער פאמיליע, מיניסטער, געגערעלע, פערטרע־טער פון די העכסטע עמטער, געלעהרטע עצט. עצט. ווי אויך פון א פובליקום ביז צו 50000 מענשען.

דער ערשטער אויפשטייג איז געשעהען שבת נאכמיטאג אויף דעם טראברען־פלאץ. דארט איז גע־בויט געווארען א פראוויזארישע האלע, אין וועלכער דער באלאן איז אנגעפולט און באלאנסירט געווארען, ארום און ארום האט מען געבויט טריבינען און א פיעלטויזענד קעפפיגע מענשענמענגע האט ערווארט מיט אונגעדולד דאס אויפשטייגען פון דעם באלאן.

נעגען 3 א זייגער נאכמיטאג איז אנגעקומען צו פאהרען דער קאזער, בעגריסט מיט יובעל פון דעם פאלק. דער קאיזער בעגיבט זיך תיכף אין די האלע, וואו ער לאזט זיך פארשטעלען דעם אלטען רעגנער און זיינע ביידע זוהן אלעקסאנדער (18 יאהר אלט) און אנאטאל (16 יאהר אלט). די איינענטליכע ערבויער פונ׳ם באלאן. דער קאיזער לאזט זיך ערקלערען אלע אייגצעלהייטען פונ׳ם באלאן און קוקט זיך צו צו דער ארבייט, דערנאך נעהט ער ארויף אין די קאיזערליכער לאושע אויף דער ערשטער טריבינע.

באלד דארויף ווערד דער באלאן ארויסגעצוינען פון דער האלע. די ביידע יונגע רעגנערים שטיינער איין, דער אלטע קאמאנדירט און דער באלאן שטייגט אויף בעגריסט מיט לעבהאפטע אקלאמאציעס. נעגען 15 מינוט שוועבט ער ארום אויף דעם גרויסען פלאץ, מאכענדיג די פערשיעדענסטע ווענדונגען ארום דער רעטונדע, נעבען דער קאיזערליכען לאושע עצט. דערנאך זענקט ער זיך לאנגזאם אהן א שום מכשול.

דאס אנגעזאמעלטע פובליקום אקלאמירט געוואלטיג די צוויי יונגע רעגנער׳ס. דער קאיזער רופט זיי צו זיך און דריקט אוים זיין צופריעדענהייט מיט זייערע לייסטונגען. דערנאך פאהרט ער צוריק אין דער בורג, בעגלייטעט פון די גרעסטע אוואציעס.

זאנטאג נאכמיטאג איז פארגעקומען דער צווייטער אויפשטייג. דאבייַ האט זיך ערייגנעט א צווישענפאל, וועלכער איז אבער גליקליך אבגעלאפען.

ביים ארומקרייזען דעם פלאץ האט דער ווינד דעם באלאן צוגעטריעבען ביז צו דער האלע און די גאנדעל האט זיך אנגעשלאגען אין דאך. דאביי איז דער עלטערער רעגנער, אלעקסאנדער, ארויבגעפאלען אויפ׳ן דאך. איהם

☞ די „הבדלה״ נו׳ 7 ערשיינט קומענדע וואך.

# די יודישע וועלט.

### יודישע קאָלאָניזאַציע אין מעסאָפּאָטאַמיען.

פון קאָנסטאַנטינאָפּעל טיילט מען מיט, אַז ס'איז ריכטיג דער קלאַנג, אַז יק"א האָט בעשלאָסען צו מאַכען פּראָבעס צו בּעזעצען יודען אין מעסאָפּאָטאַמיען.

כדי יק"א זאָל קענען טהון איהר אַרבייט אונגעשטערט און עס זאָל נישט זיין נעגען די טערקישע געזעצען, האָט זי געשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּעל איהרע בעפאָלמעכטיגטע צו גרינדען דאָרט אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט — אונטערן אָטאָמאַנישען שוץ — אויף צו פערשפּרייטען ערד-אַרבייט און לאַנד-ווירטשאַפט אין דער אָטאָמאַנישער מדינה. אַזוי ווי די געזעלשאַפט וועט נאָר בעקומען אַנ'ערלויבניש פון דער רעגיערונג וועט זי באַלד צוטרעטען צו דער אַרבייט.

אַלע אַקציעס פון דער ניי-געגרינדעטער געזעלשאַפט וועלען אָבגעקויפט ווערען פון יק"א.

דער אינספּעקטאָר איבער יק"א'ס קאָלאָניעס איז שוין וועגען דעם אַרויסגעפאָהרען קיין מעסאָפּאָטאַמיען.

די ערלויבניש ערוואַרט מען אין גיכען, ווייל די תקנות פון דער נייער געזעלשאַפט זענען שוין דורך יק"א'ס פאָרשטעהער אין קאָנסטאַנטינאָפּעל (באַנקיר איזאַק פערנאַנדעס) איבערגעגעבען געוואָרען דער רעגיערונג, און דעם פאָריגען זונטאָג איז די זאַך בעהאַנדעלט געוואָרען אויף דער זיצונג פון מיניסטאַרען-ראַט און ווי מ'זאָגט איז דער רוב פון זיי נוטה פאַר יק"א.

אייניגע פון די מיניסטאָר'ען האָבען זיך אַפילו אַרויסגעזאָגט, אַז מ'דאַרף לאָזען יק"א'ס פּראָיעקט צוזאַמען מיט'ן מעמאָראַנדום פון ישראל זאַנגוויל וועגען גרינדען אַ יודישע קאָלאָניזאַציע אין מעסאָפּאָטאַמיען.

די מיניסטאַרען זענען דעריבער בדעה פאָרצולעגען פאַר יק"א מיט יט"א, אַז זיי ביידע זאָלען צוזאַמען אַרבייטען אין מעסאָפּאָטאַמיען, וואָרום די רעגירונג האָט שוין דערהאַלטען דעם פּראָטאָקאָל פון ענגלישען אינזשעניר וויליאַם ווילקאָקס, וועלכער איז געשיקט געוואָרען אויסצופאָרשען, ווי אַזוי עס זאָל מעגליך זיין איינצופיהרען אַ בעוואַסערונג אין מעסאָפּאָטאַמיען.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אַז דאָס איז דער ערשטער פאַל, ווען אַנ'אויסלענדישע יודישע געזעלשאַפט שטעלט זיך אונטער דעם אָטאָמאַנישען שוץ. וואָרום ביז איצט האָבען זיך אַלע יודישע געזעלשאַפטען און אנשטאַלטען (אַפילו ציוניסטישע) זיך געשטעלט אינטער דעם שוץ פון אַ פרעמדער מלוכה און נישט געטראָגען דעם נאָמען „אָטאָמאַניש".

### שלום צווישען ספרדים און אשכנזים.

די אייביגע מחלוקת, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען די ספרדים און אשכנזים אין ירושלים, איז געקומען צו אַ ענדע.

די רבנים פון די ביידע קהלות האָבען אויך געמאַכט שלום צווישען זיך און האָבען זיך געגעבען אַ תקיעת-כף צו אַרבייטען האַנד ביי האַנד לטובת פון אַלע יודען אָהן אויסנאַהמע, צו וועלכער קהלה זיי געהערען.

אַלס אָנהויב פון זייער געמיינזאַמע אַרבייט האָבען זיי געגרינדעט אַ הילפס-קאָמיטעט פאַר די פאַמיליעס פון די יודען, וואָס זענען גענומען געוואָרען צו מיליטער-דיענסט.

דערווייל האָבען זיי געזאַמעלט 6000 פראַנק.

### יודישע צרות אין מאַראָקאָ.

אַזעלכע רשעים, אַזעלכע צוררי-היהודים ווי מאַראָקאָ פערמאָגט, געפינט זיך אין קיין לאַנד נישט.

איבערהויפּט צייכענט זיך אויס מיט זיין רשעות דעם סולטאַנ'ס ערשטער הויפּמייסטער, וועלכער זוכט שטענדיג מיטלען צו פייניגען די יודען פון פעץ.

היינטיגען ראש-השנה האָט ער אויסגעקלערט אַזאַ מין שפּיצעל:

די ערשטע נאַכט ראש-השנה, אַרום מעריב-צייט האָט ער געשיקט רופען ניין יודען מאַטראַצען-מאַכער, זיי זאָלען איהם צורעכט מאַכען מאַטראַצען.

די יודען האָבען געענטפער'ט, אַז ביי זיי איז היינט דער גרעסטער יום-טוב פון יאָהר און זיי טאָ'ען דעריבער נישט אַרבייטען. דאַן האָט דער צורר-היהודים געהייסען שמידען זיי אין קייטען און ברענגען צו איהם.

אין מ'ט קייטען אויף די פיס זענען די ניין יודען געשטאַנען די גאַנצע ערשטע נאַכט ראש-השנה, און געטהון אַרבייטען וואָס דער הויפּ-מייסטער האָט פאַר זיי אויסגעפונען, נאָר כדי אנצוטהון זיי יסורים.

ווען איין יוד האָט זיך געפּרובירט שטעלען אַנטקעגען, האָט מען איהם צושלאָגען דעם קאָפּ, און אין אַזאַ צושטאַנד געצוואונגען צו אַרבייטען צוזאַמען מיט די אַנדערע ביז מאָ'גען פריה.

דער דירעקטאָר פון דער „אַליאַנס-איזראַעליט" שולע האָט זיך גלייך געווענדעט צום גרויס-וויזיר, וועלכער בעציהט זיך פריינדליך צו יודען, ער זאָל זיך אַנגעהמען פאַר זיי.

דער גרויס-וויזיר האָט געראָטהען, מען זאָל זיך ווענדען דירעקט צום סולטאַן, אָבער ער האָט דערביי צוגעגעבען, אַז דער הויפּ-מייסטער איז אַזוי בעליעבט ביים סולטאַן, אַז ס'איז ווייניג האָפנונג, דער סולטאַן זאָל איהם אַפילו מאַכען אַ פאָרוואורף דערפאַר.

### אסקאַר שטרויס ערשטער יום-כפור אין קאָנסטאַנטינאָפּעל.

דער נייער אמעריקאַנער פּאָסאָל אין טערקיי אָסקאַר שטרויס, וועלכער האָט פאַר צוויי וואָכען אים יום-כפור געדאַרפט אָנגענומען ווערען אויף אַ אוידיענץ ביים סולטאַן, האָט געבעטען מען זאָל אָבלייגען די אוידיענץ, מחמת דער טאָג איז יום-כפור. ווען ס'איז איהם, אַלס יוד, פערבאָטען צו בעשעפטיגען זיך מיט וועלטליכע זאַכען.

זיין פערלאַנג איז ערפילט געוואָרען.

אָסקאַר שטרויס האָט פערבראַכט דעם טאָג אין דער „היידער-פּאַשאַ" שוהל, וואו ער האָט עולה לתורה געווען און מנדר געווען היבשע נדבות אויף פערשיעדענע יודישע אינסטיטוציעס.

### וועלבסטמאָרד צוליעב אַ גע'שמד'טען זוהן.

אין וויען איז דער אַלטער יודישער רעליגיאָנס-לעהרער לעאָפּאָלד בוקסבוים, 72 יאָהר אַלט, אים מוצאי-יום-כפור בעגאַנגען אַ זעלבסטמאָרד דורך אַראָבוואַרפען פון דריטען שטאָק אויפ'ן הויף, וואו ער איז געבליעבען ליעגען אויפ'ן אָרט טויט.

דעם גאַנצען יום-כפור איז ער געזעסען אין שוהל, אָבענדס איז ער תיכף נאָכ'ן עסען אַ פערמאַטערטער געגאַנגען שלאָפען. אַ זייגער 4 פאַר טאָג איז ער אויפגעשטאַנען, זיך אָבגעזעגענט מיט זיין יונגסטען זוהן, וואָס ליעגט קראַנק. דערנאָך אַרויס אויפ'ן גאַנג און בעגאַנגען די שרעקליכע טהאַט.

דער פערשטאָרבענער האָט צוריקגעלאָזט אַ בריעף צו דער רעדאַקציע פון אַ וויענער יודישער צייטונג, אין וועלכען ער שרייבט, אַז ער האָט נאָך ל"ג בעומר בעשלאָסען, זיך מוצאי-יום-כפור צו נעהמען דאָס לעבען, ווייל זיין זוהן, דער דאָקטאָר יוסף, האָט זיך געשמד'ט. ער האָט אויך צוריקגעלאָזט אַ בוך מיט טיטעל: „חוט המשולש" אָדער „דריי גרינדע, וואָס בעשטעטיגען דעם זעלבסטמאָרד". אין וועלכען ער שטאַרקט זיך צו בעווייזען, אַז לויט די געזעצען פון נאַטור און פערשטאַנד, ווי אויך לויט די יודישע און אַלגעמיינע מאָראַלישע געזעצען, קען זיין זעלבסטמאָרד נישט בעטראַכט ווערען פאַר קיין פערברעכען, נאָר אַלס די העכסטע פערהערליכונג און אַנ'אמת'ער קידוש השם.

דער טראַגישער טויט פון דער אַלגעמיין געאַכטעטען לעהרער האָט אין די וויענער יודישע קרייזע אַרויסגערופען דעם גרעסטען איינדרוק.

### די טאַגעס-אָרדנונג פונ'ם 9-טען ציוניסטען קאָנגרעס.

אין קעלן איז פאָריגע וואָך אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ זיצונג פון דעם גרויסען אַקציאָנס-קאָמיטעט, אין וועלכען ס'האָבען טהיילגענומען די מיטגליעדער פון אַלע לענדער.

פּרעזידענט וואָלפסאָהן און דער סעקרעטער נ. סאָקאָלאָוו האָבען ערשטאַטעט בעריכט איבער אַלע לויפענדע ענינים. נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דער 9-טער קאָנגרעס, וואָס איז איינבערופען קיין האַמבורג אויף דעם 26 דעצעמבער, זאָל נישט דויערן לענגער ווי 5 טעג און די טאַגעס-אָרדנונג זאָל זיין פאָלגענדע:

זונטאָג, 26 דעצעמבער. פאָרמיטאָג: ערעפנונגס-רעדע, פון דר. נאָרדוי. וואַהלען פון קאָנגרעס-פּרעזידיום.

זונטאָג נאָכמיטאָג: בעריכט פון צענטראַלביוראָ. בעריכט פון די פּאַלעסטינאַ-אָבטהיילונגען, גענעראַל-רעבאַטע.

מאָנטאַג: גענעראַל-דעבאַטע.

דיענסטאָג פאָר-מיטאָג: אָרגאַניזאַציאָנס-שטאַטוט.

דיענסטאָג נאָכמיטאָג וועט נישט זיין קיין פּלענאַר-זיצונג, כדי די קאָמיסיעס זאָלען קענען אָבהאַלטען זייערע בעראַטהונגען.

מיטוואָך: בעריכט איבער'ן נאַציאָנאַל-פאָנד. בעריכט איבער די עהלבוים-שפּענדען. בעריכט איבער די באַנקען, שפּעציעל-רעפעראַטע.

דאָנערשטאָג: שפּעציעל-רעפעראַטע, דיסקוסיעס, אַנטרעגע, וואַהלען.

אַלס שפּעציעל-רעפעראַטע וועלען פאָרגעזעהען: פאָרטרעגע איבער די קולטורעלע לאַגע פון די טירקישע יודען, איבער די איינוואַנדערונג אין די טירקיי, איבער די לאַנדווירטשאַפטליכען און אינדוסטריעלען מעגליכקייטען אין ארץ-ישראל.

חוץ דעם אָפיציעלען פּראָגראַם וועט נאָך פאָרקומען אַ עפענטליכער פאָרטראָג פון דר. נאָרדוי, אַ גרויסער סטודענטען-קאָמערס, אַ שויטורנען פון די יודיש-נאַציאָנאַלע טורנפעראיינע עטצ.

די אַנטרעגע, אַז מען זאָל אויף דעם קאָנגרעס בעראַטהען איבער'ן פּראָגראַם פון ציוניזמוס נופא, זענען אָבגעלעהנט געוואָרען.

### אַ „יודען-טאָג" אין דייטשלאַנד.

אין ברעסלוי ווערד דיעזע וואָך אָבגעהאַלטען דער דייטשע „יודענטאָג", אַ בעראַטהונג פון די דייטשע געמיינדען און כלל-חברות וועגען יודישע כלל-ענינים. דאָס מאָל זענען די בעראַטהונגען בעזונדערס וויכטיג, ווייל איינער פון די פונקטען איז נוגע צו די יודען אין פּאָזען און זייער שטעלונג צו די דייטשען און פּוילען אין דער דאָרטיגער געגענד.

# Zjedn. austr. akc. towarzystwo żeglugi parowej

# „AUSTRO-AMERICANA“

**Regularny**  **i bezpośredni**

**ruch z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.**

**Rozkład jazdy:** — **Ceny jazdy z Krakowa:**

a) z Tryestu do Nowego Yorku

| | | I. klasy | II. klasy | III. klasy |
|---|---|---|---|---|
| Martha Washington | 17 lipca | K. 431·40 | K. 355·10 | K. 208·80 |
| Argentina | 7 sierpnia | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 21 „ | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Martha Washington | 2 września | » 431·40 | » 355·10 | » 208·80 |
| Alice | 11 » | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Oceania | 18 » | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Argentina | 25 » | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 9 października | » 431·40 | » 330·10 | » 208·70 |

**Ceny zawierają już amerykański podatek (pogłówne)**

Dla pasażerów jadących przez Nowy-Jork do Kanady **obniżają się** powyższe ceny o **K. 20.**

b) z Tryestu do Argentyny przez Rio de Janeiro

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| Sofia Hohenberg | 4 sierpnia | K. 731·40 | K. 555·50 | K. 118·80 |
| Francesca | 15 września | » 731·40 | » 555·50 | » 118·80 |

Cena jazdy międzypokładowa Kraków — Rio de Janeiro . . . . » 158·80

**Zmiany zastrzega się**

Jeneralna Ajencja dla Galicji i Bukowiny i sprzedaż kart okrętowych

GOLDLUST i SKA.

Kraków, ul. Lubicz 7. (naprzeciw dworca kolej,)— Lwów, ul. Na Błonie l. 2. jakoteż wszystkie prowincjonalne ajencje.



סענזאציאנעללע נייהייט!

בערייטס איבער די גאנצע וועלט פערבייטעט!

ענארם ביללינ!

# מאנדליכט

איין וואונדער דער חעמיע אין יעדעם הויזע

זיננרייך קאנסטרואירטער אפפאראט. לייכט אונבעדינגט זעלבשטענדיג. קיין ברענשטאף נעטיג קיינע ווארטונג, דאהער גאראנטירט קאסטענלאז אונד דויערנד אים געברויך. פאלשטענדיג בערוכלאז אונד אונגעפעהרליך. צאהלרייכע אנערקעננונגסשרייבען.

„מאנדליכט“ מאדעלל M. I. II. III.

פרייזע: קראנען 3·60. 4·80. 7·— 11·—

פראנקא אונד אינקלוזיווע פערפאקונג געגען פאראיינזענדונג אדער נאכנאהמע דעס בעטראגעס.

**Mondlichtwerk A. Seib jun. Warnsdorf 53/337 Böhmen.**



MODELL II.

**Sensationelle Neuheit!**

**Bereits über die Ganze Welt verbreitet!**

**Enorm billig!**

## MONDLICHT

ein Wunder der Chemie in jedem Hause!

Sinnreich konstruirter Apparat. Leucht unbedingt selbständig. Kein Brennstoff nötig, keine Wartung, daher garantir kostenlos und daurend im Gebrauch. Vollständig geruchlo und ungefährlich. Zahlreiche Anerkennungsschreiben.

**Mondlicht** Modell M. I. II. III.

Preise: Kronen 3.60, 4.80, 7.—, 11.—

Franko und inklusive Verpakung gegen Voreinsendung oder Nachnahme des Betrages.

**Mondlichtwerk A. Seib jun**

**Warnsdorf** 53/337 Bohmen.






# קנאפף־מאשינען!



נעבסט צונעהערע צום זעלבסטאנפערטינען פון שטאף־ און לעדערקנעפפע פיר העררען און דאמען־קאנפעקציאן, מעבעל, וואגען עטצ. אויך טרעססענקנעפפע, דאפעל־קנעפפע זאוויא קנאפפטיילע (בוטצען) איינענעם פאבריקאט עבענזא אלע ארט פאזאמענטיר־ארבייטען ליעפערט צו זעהר בילינען פרייזען:

**Posamenten & Knopffabrik**

**L. Taschner, Krakau, Grodgasse 6.**

פרייזקוראנטע אויף פערלאנגען גראטיס.



# העברעאישער פערנאונטערריכט.

דורך מיינע 32 קונסטפאלע העברעאישע אונטעררייכטס־בריעפע וועלכע איינען גרויסען טהייל דער העברעאישען ליטעראטור אין פראזא און פאעזיע אונד די גאנצע גראמאטיק אין פער שיערענען איבונגען ענטהאלטע קאן יעדערמאן דיא העברעאישע שפראכע אין קורצער צייט לייכט אונד גרינדליך אין ווארט אונד שריפט ערלערנען. האבע הונדערטער דאנקזאגונגען פאן שילערן.

פראספעקטע גראטיס. פראבענומער 1 קראנע אין מארקען. אויך אויסלענדישע

**S. Walkowski, Krakau, Miodowa 16** Postfach 119



# חדשה בספרות החנוכית.

# „שפתנו“

ספר למוד השפה העברית עפ"י השטה הטבעית. מאת רפאל סופרמן וצבי שרפשטין.

חלק ראשון. (לשנת הלמוד הראשונה). **אלפא־ביתא ומקראה**

עם תמונות וציורים. מחירו כתר ועשרים הלר. פורטא 5 הלר. הוצאת „השרון“, פשמישל.

„שפתנו“ הנהו עפ"י סדורו המצוין, הדרגתו הנכונה, תכנו המענין והמועיל והדורו החיצוני — האלפון חמשיכללה־יחידי, תעולה על כל הקודמים. — פרוספקט מפורט ישלח לכל דורש.

הסכירה הראשית נמסרה אל:

**Amkraut & Freund, Przemyśl** (Galizien).



# Lecznica chirurgiczna Zakład Roentgenowski

## Dr. Artura Frommera

Godziny ord. 9—11 przedpoł. 3—5 popoł.

**Kraków, Tomasza 18. Róg ul. Floryańskiej**

Telefon Nr. 81.



# Paul Nitkiewicz,

rzeźbiarz

dla towarów galanteryjnych.

WIEDEŃ XX. Bauerlegasse Nr. 22.

przyjmuje wszelkie roboty w zakres jego przedsiębiorstwa wchodzące.

Specyalista w wykonaniu rzeźbionych ram do obrazów, serwisów, skrzynek lekarskich, cygaretowych itd.

Zlecenia z prowincyi będą natychmiast załatwione.

Reparacye wykonuje jak najtaniej.

Zlecenia wystarcza przesłać kartą korrespondencyjną.



# HOTEL-RESTAURANT

# Rosenthal

**Lemberg,**

Rzeźnicka.

Telefon Nr. 1314.



א 19 יעהריגער יודישער

# אודרמאכער־געהילפע

מיט ציינניסע אונד ווערקציינגע פערזעהען זוכט דויערנדע שטעללונג.

**Nathan Rothfeld in Slawsko.**

Pierwszy krajowy, hurtowny i częściowy
**Skład Gramofonów**
**Józefa Wekslera**
we Lwowie — Sykstuska 2 — Telefon 2088/II
w Krakowie — Grodzka 71 — obok Wawelu
poleca swoje stanowczo **bez szmeru najlepiej grające Gramofony**, oraz płyty z marką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za **najlepsze i najtrwalsze**



Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1908.
najwyższem odznaczeniem **Grand Prix**

**Cenniki darmo i opłatnie.**

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie. **20.000**
**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**
Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu
**Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K.**
Przeróbka lub zamiana Pathefonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.
**Jeneralne zastępstwo**
**Towarzystwa Ack. Gramofonów**
z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«
TRADE MARK — GRAMMOPHON

נעעהרטע הויזפרוי!
מיר ערזוכען אייך העפליכסט, אכטונג צו געבען און זיך נישט צו לאזען טיישען דורך דעם לויב פון „נייע" ציקאריע־פאקונגען, נאר צו זיין איבערצייגט, אז דער
**עכטע „פראנק" קאפע־צוזאץ**
וועלכען זיא האבען שאן ביי זיך צו הויזע זייט מעהרערען יאהרען אויספראבירט, איזט דער בעסטע אונד ווירד עס אויך ווייטערהין „פערבלייבען". —
מיר ערזוכען אבער זעהר, גענוי אכט צו געבען אויף אונזער
פאבריקס־מארקע — און — אינזער אונטערשריפט:

*Henryka Francka synowie*



# וואס איזט יאנאל?
**יאנאל**
איז דאס בעסטע אללער
**אינסעקטענפערטילגונגס־מיטטעל**
דען עס טעטעט אונפעהלבאר
**וואנצען, שוואבען, רוססען, מייזע, ראטטען.**
פיר מענשען אונד הויזטיערע אבסאלוט אונשעדליך.
ריא העלפטע ביללינער אלס אללע אנדערען מיטטעל.

**יאנאל** איזט נור צו האבען ביים ערציינער אונד ערפינדער:
**FRANZ SCHERHAG, WIEN XIV. Sechshauserst. 73.**
Chemiker u. k. k. Patent-Inhaber.
פרייז פער $^{1}/_{2}$ קג.־פאקעט קראנען 2.
פערזאנד געגען נאכנאהמע אדער פאראיינזענדונג דעם בעטראגעס.
פערטרעטער אין אללען ארטען געזוכט.

# א יונגער מאן מיט א גוטער באס־שטימע
וועלכער האט א שטאבילע בעשעפטיגונג (האנדווערקער, האנדעלס־אנגעשטעלטער וכדומה), קען בעקומען א״ס נעבענבעשעפטיגונג א אנשטעלונג אין דעם קראקויער טעמפעל־כאר. אויב די שטימע איז נישט אויסגעבילדעט, וועט מען זאגען פאר דער אויסבילדונג. נעהערעס צו ערפאהרען אין דער רעדאקציע פון דער „יודישער אילוסטרירטע צייטונג".

# בקרוב הייבט אן צו ערשיינען
## אין קראקא
# א נייע יודישע טעגליכע צייטונג
מיט'ן נאמען
# „דער טאג"
„דער טאג" וועט זיין רעדיגירט אויף דעם מאדערנסטען אופן פון טיכטיגע פובליציסטישע קרעפטע און וועט זיך בעפאסען מיט אלע פראגען פון עפענטליכען לעבען. ער וועט ברענגען יעדען טאג די אויספיהרליכסטע אינפארמאציעס איבער אלע וויכטיגע עראייגניסע אין דער אלגעמיינער ווי אין דער יודישער וועלט.
„דער טאג" וועט זיין א אומפארטייאיש בלאט.
נעהערע ידיעות וועלען בקרוב בעקאנט געגעבען ווערען.
לעת־עתה קען מען זיך ווענדען אלע ענינים [illegible] אויף פאלגענדער אדרעסע:
**Buchdruckerei J. Fischer für Red. „DET TAG" Krakau.**
**אגענטען אוז פערטרעטער געזוכט.**

**Niederländische Lebensversicherung-Gesellschaft**
ניעדערלענדישע **לעבענספערזיכערונג־געזעלשאפט**
דירעקציאן [illegible] עסטערייך: וויען 1 בעצירק, אספערנפלאטץ 1.
(אים אייגענען הויזע).
דיא געזעללשאפט פערזיכערט צו פעסטען ביללינען פרעמיען נאך פערשיעדענען קאמבינאציאנען אונד מיט גאראנטירטעם געווינאנטייל.
פערנער עמפפעהלען וויר אלס אייסערסט גינסטיג דען אבשלוס נאך טאריף 28. היעבי ווירד ביי אבלעבען דעם פערזיכערטען אן די הינטערבליעבענען (יורשים) איינע זעהר האהע פענסיאן, נעמליך 10 פראצענט דער פערזיכערטען סוממע, אונד טראטצדעם נאך אבלויף דער פארהער פעראיינבארטען פערזיכערונגסדויער אהנע יעדען אבצוג דיא עמפפאנגענען פענזיאן דיא פאללע פערזיכערטע סוממע אן די ערבען צור אויצאהלונג [illegible].
צור ערקלערונג דיענע פאלגענדער ביישפיעל:
איין מאנן פאן 35 יאהרען פערזיכערט 10,000 קראנען, צאלבאר אין 25 יאהרען, וואפיר יעהרליך 491 קראנען אן פרעמיען צו צאהלען זינד. (דיעזע פרעמיע קאנן אויך אין פיער־טעליעהרליכען אדער מאנאטליכען ראטען ערפאלגען.) אנגענאממען דער פערזיכערטע ווירדע נאך אבלויף פאן 3 יאהרען שטערבען, זא צאהלט דיא געזעללשאפט אן דיא ערבען איינע יעהרליכע פענזיאן פאן 1000 קראנען, אונד צוואר 22 יאהרע לאנג, נעמליך ביז צום אבלויף דער געוועהרטען אויפשובציט נאך אבלויף דיעזער 22 יאהרע הערט דיא פענזיאנסצאהלונג אויף אונד דיא געזעללשאפט פערגיטעט אן דיא הינטערבליעבענען אויסערדעם נאך דיא פאללע סוממע פאן 10,000 קראנען.
ציר אויסנאהמע פאן פערזיכערונגען אונד ערטיילונג פאן אויסקינפטען העלט זיך עמפפאהלען
Die General-Agentur der „Niederländischen"
**Lobel & H. Taubes, Czernowitz.**
מיטא־ביטער ווערדען אן אללען ארטען געזוכט.

# Wiedeński Bank Związkowy
## FILIA W KRAKOWIE — Rynek Główny, Linia A-B 44.
Kapitał akcyjny 130 milionów Koron. Fundusze rezerwowe 39 milionów koron.
Przyjmuje **wkładki** w rachunku bieżącym i na **książeczki wkładkowe**. — Podatek rentowy opłaca bank z własnych funduszów. Kupno i sprzedaż papierów wartościowych, walut i dewiz. Udziela pożyczek wekslowych i na zastaw papierów. Przyjmuje walory w przechowanie. Wypłaca kupony i wylosowane efekta. Przyjmuje wszelkie zlecenia giełdowe. Udziela ustnych i pisemnych wskazówek w tym kierunku.

Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.